בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת
יום ג' פ' תזריע | כ"ג אדר ב' | תשע"א | פסחים: ע"ב

# באריכט:

## בקודש פנימה

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר בערל גאלד הי"ו פון קרית יואל. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

~•~

אין די פארמיטאג שעה'ן איז הגה"צ ר' אברהם חיים שפיצער שליט"א רב דק' אור חיים אין בארא פארק געקומען צו מרן רבינו שליט"א אויף א באזוך נאכ'ן זיין אויף א לענגערע באזוך אין די בית השחיטה המהודרת, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א שיינער שמועס בדברי תורה ועניני שחיטה.

~•~

דערנאך איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ישיבה גדולה ווי דער רבי שליט"א האט אליין אנטייל גענומען אין די טחינת החטים ווי די תלמידי הישיבה גדולה – שיעור א' האבן געמאהלן ווייץ פאר די מצות פון מרן רבינו שליט"א.

~•~

דערנאך האט דער רבי שליט"א פאהרגעלערנט דעם סוגיא שיעור אין היכל הישיבה גדולה – שיעור ב'.

~•~

אצינד ביינאכט איז דא זמן כניסה אין וויליאמסבורג בביתו נאוה קודש אויף היוז סט.

~•~

## הערליכע מלוה מלכה אין ביהמ"ד – סאוט 8

א הערליכע מלוה מלכה איז פארגעקומען פארגאנגענעם מוצאי שב"ק אין בית מדרשינו החדש אויף סאוט אכט סט. אין וויליאמסבורג, אינאיינעם מיט א סעודת הילולא לע"נ רביה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, וואס איז געווען געווידמעט להחזקת ביהמ"ד.

אלס יושב ראש פון די מסיבה האט געדינט הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקל הי"ו גזבר הקהלה, וועלכער האט אנגעפירט מיט די גאנצע מסיבה בטוב טעם ודעת און דערציילט סיפורים פון רביה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע. און מיט "דבר הביהמ"ד" האט אויפגעטרעטן דער חשובער גבאי מו"ה אלימלך שניצלער הי"ו.

מיט פאסיגע דברי תורה האט דער ציבור זיך צוגעהערט צו די גאר געלונגענע דרשה פון הגה"צ רבי חיים אהרן אונגאר שליט"א דער דומ"ץ הביהמ"ד, וואו ער האט גאר שטארק ארויסגעברענגט בשבח הביהמ"ד און זיך באדאנקט פאר די חשובע עסקנים וועלכע האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ונפש להקמת הביהמ"ד.

באזונדער האט דער דיין שליט"א מזכיר געווען לשבח גיסו הרב נפתלי צבי הורוויץ שליט"א נכד כ"ק אדמו"ר ממעליץ שליט"א, וועלכער האט מנדב געווען די סעודת הילולא לזכר נשמתה פון זיין מוטער/שוויגער הרבנית מרת חיה מירל גאלא ע"ה, וועלכע איז נפטר געווארן פארגאנגענעם חודש אדר א'. יהא זכרה ברוך.

דאן האט דער ציבור זיך צוגעהערט באוזן קשבת צו די דרשה פון הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א. דער רב שליט"א האט ארויסגעהויבן רגשי לבבו בשם כל הקהל הקודש צו די געוואלדיגע גריסן וואס דערהערט זיך איבער די שטאט פון דעם שיינעם ביהמ"ד אויף סאוט אכט, און באזונדער דער כתר שם טוב פונעם דיין שליט"א, וואס שמו הטוב הולך לפניו אלס מורה הוראה מובהק וועלכער איז גאר שטארק צוגעבינדן צו די חשובע מתפללים.

מיט די צענטראלע דרשה האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' פנחס כף שליט"א ר"מ בישיבת שערי יושר, וואו ער האט א לענגערע צייט ארומגעשמועסט איבער די יסודות פון חינוך הבנים און קדושת ביהמ"ד, פון וואס דער ציבור האט געקוואלן הויפענעס מיט חיזוק ועידוד.

# מדרש תנחומ"א

על זה דוה לבינו ועל אלה חשכו עינינו, בפטירת ידידנו היקר והנכבד, בלתי נשכח, ידיד נפש כל חי, עסק בצרכי ציבור באמונה בכלל, ולמען כל קדשי קהילות ומוסדות סאטמאר בפרט, אהוב למעלה ונחמד למטה, נוח למקום ולבריות, ה"ה

הרה"ח המנוח ר' **דוד לייב** ב"ר **אברהם שלמה** עליו השלום **גרינפעלד**

שהלך לעולמו בשבוע העבר אחרי שסבל יסורים ומכאובים קשים מאוד למשך כמה שנים

ובהדא מחתא נביע דברי תנחומין מול פני בניו החשובים והדגולים שיחיו, שהמקום ינחם אתכם ואת כל בני המשפחה בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, ולעולם לא ידעו משום צער יגון ואנחה

זכרונו הבהיר לא ימיש מאתנו, עד עולם וזכותיו הגדולים יעמוד לעד לזרעו לכל משפחתו עד עולם, עדי שנזכה בנחמת ציון וירושלים בביאת גואל צדק, ומלכינו מרן רבינו שליט"א בראשינו בב"א.

**כעתירת וברכת**
**צוות המערכת**

## "שבת בראשית" אין ביהמ"ד החדש אין אנטווערפן

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו, די הרגשים פון אנשי שלומינו אין אנטווערפען זענען פוהל מיט שבח והודאה להשי"ת אויף די געהויבענע היסטארישע שבת פ' פרה העעל"ט, ווען מען האט זוכה געווען בשעטומ"צ מחנך צו זיין בית מדרשינו החדש.

באמת איז נישט מעגליך צו שילדערן די געהויבענע געפיהלן פונעם שב"ק, אבער מיר וועלן פרובירן איבערצוגעבן א קורצן איבערבליק פונעם שבת.

פרייטאג צונאכט'ס נאכן זמן הדלקה"נ איז די שיינע לעכטיגע היכל הביהמ"ד בליץ שנעל פוהל געווארן מיט א ריזן ציבור בעלי בתים חשובים תלמידים פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע און אברכים יקרים מסלתה ומשמנה. צו מנחה האט יורד געווען לפני התיבה הגה"צ ר' בעריש קאהן שליט"א ראש כוללינו, און נאך מנחה איז דער ראה"כ ארויף אויפן ארון הקודש און אויפגעטרעטן מיט א ווארימע דרשה לכבוד די עפענונג פונעם בית המדרש, ווי ער האט ארומגערעדט א לענגערע צייט וויכטיגע יסודות וויאזוי א "סאטמארע בית המדרש" דארף אויסצוזעהן אין אלע ענינים. די דרשה האט איבערגעלאזט א שטארקן רושם אויף אלע מתפללים, און נאכדעם האט מען געדאווענט קבלת שבת מיט גרויס התלהבות.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', איז שבת צופרי אויך אריבער דאס דאווענען מיט גרויס ווארעמקייט, די עליות זענען צוטיילט געווארן צווישן די חשובע בעלי בתים נכבדים, ווי אויך עטליכע חשובע געסט, וועלכע האבן אלע גע'שנדר'ט גרויסע סכומים לטובת הביהמ"ד.

פאר מנחה איז פארגעקומען די חברת תהלים פאר די פיהלע צענדליגע ילדי תשב"ר, אנגעפיהרט דורך דער לאנגיעריגער מנהל פון חברת תהלים הרה"ח ר' ליפא בערקאוויטש הי"ו מראשי קהלתינו הק', און נאכדעם איז געפראוועט געווארן "סעודה שלישית" מיט א געוואלדיגע התעוררות און התרוממות הנפש, און די זמירות האט אפגעהילכט אינעם גאנצן היכל הביהמ"ד.

במשך דעם גאנצן שבת האט זיך געשפיהרט אין ביהמ"ד א יום טוב'דיגע שטימונג און א ברודער'ליכע אטמאספערע, און דער ציבור גרייט זיך שוין מיט שפאנונג אויף נאך א שבת בצוותא חדא בשבת אחים גם יחד.

נאך שב"ק ווען כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א האט ערהאלטן א לעבעדיגן גריס פונעם נארוואס אפגעהאלטענעם געהויבענעם שב"ק, האט דער רבי שליט"א ארויסגעוויזן גאר א שטארקע שמחה און קורת רוח אויף א זעלטענעם פארנעם.

ஐ•ஐ

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**